# ס'איז גוט

די ערד וועט ווי שטענדיק פארבלייבן שוין גרויס.
נאר דאס וואס געהערט אונז איז ארים און קליין.
זאג שירה דערפאר. וואס ס'איז אונזער הויז
נאך אפן פאר אלע וואס קומען צוגיין.
ווייל א טאג מיט א טאג וועט פארגיין
און מיר וועלן פארבלייבן אליין.

זאג כי טוב. ס'איז גוט אויך דערפאר
וואס אין דער באצוווונגענער פרעמד
קומט ווער נאך דערציילן אונז זיין צער
און ס'בלייבט אונזער שוועל נישט פארשעמט.

ווייל ס'וועלן פארלוירן גיין דא מיט דער צייט
די שלעכטע — אויך אפשר די גוטע. ווער ווייסט ?
און מיר וועלן פארבלייבן פארדוקט אין א זייט
ווי אלטימשקע מענטשן צו מוטלען... פארשטייסט ?

ס'וועט יעדער אוועק מיטן ליכט פונם טאג
או זמער שוין נישט קומען צוריק.
און מיר וועלן ווארטן ביז טאן וועט א זאג
דו אדער איך מיט א קול א פארשטיקט:
זע. א טאג מיט א טאג טוט פארגיין
און מיר זענען אלץ נאך אליין.